א. די סדרה וועלכע מ'האט היינט געליינט ווערט אנגערופן בשם "תולדות", און אזוי ווערט אנגערופן די גאנצע סדרה אעפ"י אז עס ריידן זיך אויך אנדערע ענינים אין דער סדרה, ווערט אבער די גאנצע סדרה אנ- גערופן מיטן נאמען "תולדות".

וכמדובר כמה פעמים אז א נאמען באווייזט אויפן תוכן הענין, וואָרום שמא מילתא היא, ובפרט די נעמען פון די סדרות, וועלכע זיינען נעמען אין תורה וואס זיינען געגעבן געווארן פון גדולי ישראל ופוסקים בישראל, ביז אז אויך גאונים ברענגען נעמען פון סדרות - איז דאך זיכער אז כל ענין הסדרה איז כשמו, ובנדו"ד - תולדות.

וויבאלד אז ענין התורה איז הוראה, איז פארשטאנדיק אז אויך ענין זה, וואס אט די פרשה ווערט אנגערופן "תולדות", איז א הוראה, ביז אז אויך אלע אנדערע הוראות פון דער סדרה נעמט מען דורך דער ענין פון תולדות.

אוצר החכמה

מ'דארף אבער פארשטיין: עיקר ענין פרשה זו איז דאך וועגן יצחק, ניט ווי די פריערדיקע סדרה וואו עס ווערט אויך דערמאנט יצחק אבער דער עיקר רעדט זיך וועגן אברהם. אזוי אויך אין פ' ויצא וישלח וכו', ווערט אויך דערמאנט יצחק, דער עיקר רעדט זיך אבער וועגן יעקב. משא"כ אט די סדרה רעדט זיך אין איר בעיקר וועגן יצחק. איז ווי קען מען זאגן אז עיקר ענין סדרה זו איז "תולדות", וואס דער פירוש פון תולדות כפשוטו איז דאך (ניט ווי רש"י טייטשט אין פ' נח - מעשים טובים, נאר) ווי רש"י טייטשט דא: "יעקב ועשו", סיי יעקב און סיי עשו, וואָרום עס שטייט דאך תולדות לשון רבים, היינט ווי קען מען זאגן אז עיקר ענינו של יצחק איז דאס תולדות, כולל אויך עשו. און עס איז ניט נאר ניט פארשטאנדיק, נאר עס איז אינגאנצן היפך ההבנה וההשגה צו זאגן אז עיקר ענין יצחק איז אויך עשו?

ובפרט אז אזוי איז דאס אויך לויט פנימיות התורה, וואָרום אין פירש"י איז פאראן יינה של תורה. איז ווי איז דאס שייך צו זאגן מצד פנימיות הענינים?

עס איז טאקע מובן אז די תורה דארף דערציילן וועגן עצם המצי- אות פון עשו, וואָרום דאס איז דאך עיקר ענין התורה, אז עס איז אראפ- געקומען אין גשמיות, דוקא צו אט די וואס למצרים ירדתם כו' ביז אין א עולם שאין תחתון למטה הימנו. דארף מען דערפאר וויסן פון מציאות התחתון כדי דאס צו מברר זיין; מ'ווייס דערפון, אבער אלס תחתון. דא אבער זאגט די תורה וועגן עשו ניט אלס תחתון נאר אלס תולדות של יצחק. איז דאך ניט פארשטאנדיק, כנ"ל, ווי קען מען זאגן אז ער איז עיקר ענינו של יצחק?

עיקר ענין יצחק איז דאך לכאורה נאר יעקב, און ניט עשו, וואָרום עשו איז סותר צו יעקב, כמ"ש ולאום מלאום יאמץ, ואמרז"ל לא נתמלאה צור אלא מחורבנה של ירושלים, וכשזה קם זה נופל, אז עשו איז לוחם אנטקעגן יעקב'ן, איז ער דאך ניט תולדות יצחק. ובלשון רז"ל "יצחק <u>יצא ממנו</u> עשו", עס שטייט ניט נולד ממנו, נאר "יצא ממנו", עס איז געווען א יציאה ממנו און ער איז געווארן א דבר נפרד. קען מען אים לכאורה ניט אנרופן בשם תולדות יצחק.

וואלט אזוי געשטאנען בנוגע לישמעאל אז ער איז געווען עיקר ענינו של אברהם, וואלט ניט געווען אזא שטארקע קשיא, ווייל ווי רש"י זאגט אויף ויקברו אותו יצחק וישמעאל, אז מכאן שעשה ישמעאל תשובה

והוליך



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ח א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 186 הודפס ע"י

והוליך את יצחק לפניו, וואס דערפאר איז דאך אויך מקויים געווארן דאס וואס עס שטייט ביי אברהם "תקבר בשיבה טובה", וואס וויבאלד תורה רופט דאס אן שיבה טובה, איז דאך זיכער אז עס איז געווען אן אמת'ע שיבה טובה, וואס ער האט תשובה געטאן מיט אן אמת און ער האט זיך איינגאנצן איבערגעשטעלט אין אן אנדער מציאות ביז זדונות נעשו לו כזכיות.

- אזוי געפינט מען אויך אין הלכה, אז המקדש את האשה ע"מ שאני צדיק גמור, איז אויב הרהר תשובה בלבו, הייסט ער א צדיק גמור, ווייל ער ביים איבער זיין מציאות אינגאנצן -

ובמילא בשעת עס וואלט געשטאנען אין תורה, וועלכע איז געגעבן געווארן בשעת מ"ת, שוין לאחר שעשה ישמעאל תשובה, איז ער איז עיקרו של אברהם, וואלט מען דאס פארשטאנען, ווארום עשה תשובה.

ווי קען מען דאס אבער זאגן אויף עשו'ן, ער האט דאך אפילו בסוף ימיו נים תשובה געטאן, און עד היום הזה איז שכינתא בגלותא און אידן בגלותא אין גלות אדום (וואס קומט פון עשו'ן) צוליב דעם, און דוקא לעתיד לבוא וועט עס ווערן זיין ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, וועט עשו נתברר ווערן, - היינט ווי קען מען אים אנרופן תולדות יצחק?

וועט מען דאס פארשטיין מיט א מארז"ל וואס איז נאכמער תמוה: עס שטייט (תרגום יונתן בראשית נ,יג. וראה סוטה יג,א) אז בשעת מען האט געוואלט מקבר זיין יעקב'ן אין מערת המכפלה, איז געקומען עשו און האט (גע'טענה'ט אז יעקב האט שוין גענומען זיין חלק אין מערת המכפלה מיט דעם וואס ער האט דארט מקבר געווען לאה, ובמילא האט ער) נים געוואלט לאזן מקבר זיין יעקב'ן, איז געקומען חושים בן דן און האט אפגעהאקט די קאפ פון עשו'ן, ונתגלגל ביז עס איז געקומען רישא דעשו בעיטפא דיצחק (בחיקו של יצחק).

וואס דרמיט איז דאך מקויים געווען דאס וואס רבקה - וועלכע איז געווען פון די אמהות, ובמילא אויך א נביאה - האט דעזאגט אז: אשכל גם שניכם ביום אחד, איז עס מקויים געווארן דערמיט וואס זייער קבורה איז געווען ביום אחד.

ולכאו' אינו מובן: ווי קומט עס טאקע אז עשו' זאל נתקבר ווערן מיט יצחק, עס איז דאך פאראן א הלכה אז אין קוברין צדיק אצל רשע ולא רשע אצל צדיק, וכמבואר הסיפור בתנ"ך, אז בשעת מ'האט מקבר געווען א רשע לעבן א נביא, איז געווארן א נס און ער איז אויפגעשטאנען און אליין אוועק אין אן אנדער ארט, כדי דער צדיק זאל נים ליגן לעבן אים.

זעט מען אז עס איז כדאי מאכן תחיית המתים, היפך הטבע ובדוגמת לע"ל, בכדי דער רשע זאל נים ליגן לעבן א צדיק, און דאס רעדט זיך בלויז וועגן א נביא און נים קיין מרכבה, און דא רעט מען דאך וועגן איינעם פון די אבות וואס הן הן המרכבה, - האט דאך זיכער קיין אדם נים אז עשו זאל זיין אין מערת המכפלה.

און עס איז דאך געווען באופן אז עס זיינען געווען כו"כ ענינים וואס האבן צו דעם געפירט אז עס זאל זיין "נתגלגל ראשו", איז דאך פארשטאנדיק אז מלמעלה האט מען אזוי געפירט, ולכאורה פארוואס האט דאס טאקע געדארפט זיין?

- וועט מען -





הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ח א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 187 הודפס ע"י א

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם וואס די גמרא זאגט אז "עשו ישראל מומר הוה". ולכאו' איז דאס ניט פארשטאנדיק: וויבאלד ער איז געווען א מומר, ווי מ'זעט אז ער האט געטאן אלע שלעכטע ענינים, ווי עס שטייט ויאכל וישת ויקם וילך ויבז עשו גו', איז ווי רופט מען אים אן ישראל.

אויב דאס וואלט געווען לאחר מתן תורה, וואלט געווען פארשטאנדיק, ווארום דער אויבערשטער האט דאך געזאגט אנכי הוי' אלקיך - כחיך וחיותך, איז דער חיות פון יעדער אידן פון אלקות, איז אויב נאר ער איז א איד, איז פארפאלן און ער בלייבט א איד אויף אלעמאל, עשו איז דאך אבער געווען קודם מתן תורה, איז וויבאלד ער איז געווען א מומר, דארף ער ניט הייסן בשם ישראל?

איז דער ענין אין דעם: בנוגע צום אויבערשטן איז דאך פארשטאנדיק, אז פונקט ווי ער אליין איז א נצחי אזוי זיינען אויך מעשי ידיו נצחיים,

ווארום בשעת א אומן מאכט א זאך, ליגט דאך אין דער זאך כחותיו של האומן, וכש"כ ביי אזא אומן וואס מ'קען ניט פאנאנדערטיילן צווישן אים מיט זיינע כחות, און ער מיט זיינע כחות זיינען איינס, איז זיכער אז כחותיו ליגן אין דער זאך, ובמילא פונקט ווי דער אויבערשטער אליין איז א נצחי, זיינען אויך מעשי ידיו נצחיים, און דערפאר איז כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב - ניט קוקענדיק וואס פארא איד ער איז - ווייל ער איז מעשי ידיו של הקב"ה, כמ"ש נצר מטעי <u>מעשה ידי</u> להתפאר.

וויבאלד אז צדיקים דומים לבוראם, איז מובן אז אזוי איז אויך געווען ביי יצחק'ן, אז וויבאלד ער האט געבוירן עשו'ן איז דאס א ענין נצחי און אפילו בשעת ער איז א מומר און האט אפגעטאן אלע ענינים לא טובים, הייסט ער אויך בשם ישראל.

והביאור בזה: דאס וואס בגלוי טוט א איד ענינים של היפוך, וואס דעפאר איז ער א מומר, איז דאס בלויז מצד זיין חיצוניות, מצד פנימיות הענינים ומצד השרש ומקור אבער איז דאס ווי עס שטייט אין תניא כמשל הזונה ובן המלך, אז אויך דער יצה"ר מיינט לטובת ישראל, ומצד הפנימיות איז ער טוב.

ווי עס שטייט אז שטן ופנינה לש"ש נתכוונו, וואס דאס מיינט אז למטה איז טאקע ניט אזוי געווען נאר יודר ומקטרג, אבער מצד למעלה איז געווען לש"ש נתכוונו, - ד.ה. אז אין שרש ומקור איז דאס טוב.

און דאס איז "רישא דעשו בעטפוי דיצחק" אז מצד הראש שלו (וואס דאס מיינט מצד זיין ראש (שרש) למעלה אין מצד זיין ראש (פנימיות) ווי עס איז ביי אים למטה, איז ער בעיטפא דיצחק, נאר דאס איז דוקא ווען דער ראש איז ניט מחובר מיט'ן גוף, ווארום מצד הגוף איז ער טאקע שלעכט, בשעת אבער נקטם ראשו, דעמאלט איז ער בעטפוי דיצחק.

און דאס איז דער חילוק פון עשו און ישמעאל, ישמעאל טאקע עשה תשובה, במילא איז ביי אים געווען טוב ניט בלויז ראש, נאר ער האט מברר געווען אויך דעם גוף, אבער עשו לא עשה תושבה נאר ער האט די גאנצע צייט מנגד געווען נגד יעקב בחיר שבהאבות, ווי עס שטייט ויצא לקראתו וארבע מאות איש עמו, און דערנאך אז עס איז געווען "וישקהו", איז דאך אויך אפדאן צוויי פירושים אין דעם, ביז אז אויך ביום מיתתו האט ער מנגד געווען, ווי מ'זעט דאס פון דעם סיפור גופא, איז טאקע

- זיין גוף -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ח א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 188 הודפס ע"י א

זייך גוף ניט געווען טוב, אעפ"כ אבער איז רישא שלו געווען בעטיפא דיצחק. און דערפאר זאגט מען אז אויך עשו איז "תולדות" יצחק, ווייל בעצם איז ער אויך טוב.

מ'איז אבער מדייק אז רישא דעשו בעטיפא דיצחק, אז דוקא מצד יצחק איז דאס אזוי, אבער ניט מצד אברהם. והטעם ע"ז: עבודתו של אברהם איז געווען בקו החסדים, וכמ"ש "ויקרא שם בשם הוי' א-ל עולם", א"ת ויקרא אלא ויקריא, און ער פלעגט הייסן אט די וועלכע ער האט געגעבן עסן, ברכו למי שאכלתם משלו וברכו למי שאמר והי' העולם כו', דאס איז אבער געווען אן עבודה מיט לעבעדיקע מענטשן.

עבודתו של יצחק איז אבער געווען (ווי עס שטייט בפשטות אין דער פרשה) חפירת בארות, וואס דאס איז אן עבודה מיט דומם, מ'נעמט א שטח אדמה וואו עס איז אינגאנצן ניט ניכר אז עס איז דארט פאראן מים, וכ"ש מים חיים - וואס אין מים אלא תורה, און אין תורה זיינען פאראן דיביידע דרגות פון מים און מים חיים - און מ'גראבט דארט ביז מען דערגראבט זיך און מ'קריגט מים חיים. ד.ה. אז מצד יצחק קען מען זיך דערגראבן צו אלעמען.

דערפאר זאגט מען אז רישא דעשו בעטפוי דיצחק דוקא, ווייל דוקא מצד עבודת יצחק האט אן ארט אז ניט קוקנדיק וואס בגלוי איז ער לא טוב, קען מען זיך אבער צו אים אויך דערגראבן און זען זיין פנימיות.

עס איז אבער בלויז "רישא" און ניט כל גופו, דאס איז נאך ניט נתברר געווארן, דאס ווערט ערשט נתברר לעתיד לבוא, ווען עס וועט זיין ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו, דעמאלט וועט מען מברר זיין אויך אט די ניצוצות, וואס דערפאר שטייט ניט לאבד את הר עשו, נאר לשפוט, ווייל משפט איהו רחמי, וואס דאס מיינט אז מצד הרחמים וועט מען דאס מברר זיין (און ניט מאבד זיין)

און אט די ניצוצות זיינען א רכוש גדול מערער נאך ווי דער רכוש גדול פון יציאת מצרים. ווארום דעמאלט איז דער גלות געווען נאר ארבע מאות שנה אדער צוויי הונדערט און צען יאר, אבער גלות אדום איז א סך לענגער, וועט זיכער זיין א סך מערער ניצוצות, פונקט ווי די נסים וועלן זיין א סך גרעסער, כמ"ש "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", אז די פלאות פון יציאת מצרים זיינען באין ערוך צו די פלאות פון לע"ל, ביז אז די נסים פון לע"ל וועלן זיין פלאות לגבי די נסים פון יציאת מצרים. אזוי אויך די ניצוצות וועלן זיין א סאך מער, וואס דאס זיינען די ניצוצות פון הר שעיר.

וואס דאס איז אויך דער טעם פארוואס יצחק האט געוואלט בענטשן עשו דוקא, וכמו שיתבאר לקמן (בהמאמר). וכמבואר בכתבי האריז"ל אויף ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו, אז ער האט אים ליעב געהאט צוליב די ניצוצות וואס ער האט אין אים געזען (וואס פון אים וועלן ארויסקומען ר"מ און ר"ע).

די הוראה מכל הנ"ל: מה-דאך אז מ'זאגט בנוגע לעשו, און עס איז אויך געווען פאר מתן תורה, אז בפנימיות איז ער טוב און ער איז תולדות יצחק און עיקר ענינו, כ"ש אז עס איז אזוי בנוגע צו אידן לאחר מתן תורה. ובפרט היינט, ווען רובם זיינען בבחי' תינוקות שנשבו לבין האומות, און מ'קען זיי ניט חושד זייך ח"ו זיי זיינען ווי עשו,

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ח א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 189 הודפס ע"י א

איז זיכער אז זיי זיינען בפנימיות טוב. דערפאר דארף מען זיך אפגעבן מיט זיי, כדי זיי צו דערנענטערן צו תומ"צ, (עס איז אבער דא א תנאי צו דעם, "האמורים בפרשה", ווי רש"י זאגט (כדלהלן)).

ווי די משנה זאגט אין אבות (א, יב) הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, וואס דא זאגט די משנה א פס"ד פאר יעדער איינעם, ווי מ'דארף זיך פירן, ווי ער זאגט דעם לשון "הוי", בלשון ציווי, אז מ'דארף זיך פירן ווי אהרן, ווי עס שטייט אין אבות דר"נ אז אהרן פלעגט צוגיין צו א אידן און איס מסביר זיין אז ער טוט גוט און רעדט גוט און אז ער איז אהרן'ס א חבר - כאטש אז לפועל איז ער געווען ווייט פון דעם - און דאס האט גע'פועל'ט אז יענער זאל טאקע אזוי ווערן בפועל.

אוצר החכמה

זעט מען דאך פון דעם אז אהרן האט זיך ניט פארנומען נאר מיט נשיאים, כהנים, לויים וכו', נאר מיט אלע אידן, און ווי עס איז אויך מובן פון דעם וואס עס שטייט אין פסוק, אז בשעת ער איז נפטר געווארן איז ויבכו אותו כל בית ישראל, אז אלע אידן האבן זיך מתאבל געווען אויף אים, אויך מיכה וואס איז געגאנגען מיטן פסל, ווארום אויב ניט איז עס דאך ניט כל בית ישראל.

אויף דעם זאגט די משנה א פס"ד, אז אלע דארפן זיך אזוי פירן, און ניט טענה'ן אז דאס איז שייך פאר אהרן דוקא ווארום אהרן איז געווען זיכער ביי זיך אז אים וועט דאס ניט שאדטן, נאר די משנה זאגט דאס אלס א פס"ד פאר יעדערן, און דאס איז א הלכה פסוקה פונקט ווי אלע אנדערע דינים אין משניות.

אוצר החכמה

און אויב איינער זאגט פארקערט דארף מען וויסן אז עס איז א טעות בדבר משנה, און "טעה בדבר משנה חוזר", דאס הייסט ניט קיין טעות, ווייל עס איז א דבר הידוע לכל, און אפילו דעם טעות האט געמאכט איינער וואס זיצט אין סהנדרין, וואס דאס באווייזט דאך אז ער איז א סמוך איש מפי איש ער משה רבינו, איז אויך ער "חוזר". ועד"ז בזמן הזה, אויבאפילו א דיין וואס איז א דיין עפ"י תורה, וואס דאס ווייזט אז ער איז ראוי צו זיין א דיין, מאכט דעם טעות, איז אויך חוזר, כאטש ער איז א ריכטיקער דיין, וואס דערפאר בלייבט ער א דיין שפעטער אויך, ווארום מ'געפינט ניט קיין דין אז מ'דארף אזא דיין מעביר זיין פון די דיינות, פונדעסטוועגן אויב ער איז טועה בדבר משנה איז חוזר. וכן הוא בנדו"ד אז דער וואס זאגט פארקערט פון די משנה איז ער א טועה בדבר משנה וחוזר.

עס דארף אבער זיין מיט דעם תנאי פון "האמורים בפרשה", עס דארף זיין עפ"י תורה. ווי גערעדט אמאל דעם דיוק הלשון "ומקרבן לתורה", ער דארף זיי צוברענגען צו תורה, אבער ניט צוברענגען ח"ו תורה צו זיי ד.ה. צופאסן תורה לויט זייער מצב, ווארום התורה לא תהא מוחלפת, ווי עס שטייט אין רמב"ם, מאיזה טעם שיהי'.

דער סדר אין משניות איז דאך אויך תורה. קען מען אויך פון דעם סדר אין די משנה ארויסנעמען א הוראה: עס שטייט ניט פריער דער לשון ומקרבן לתורה און דערנאך הוי מתלמידיו של אהרן, נאר די ערשטע זאך שטייט הוי מתלמידיו של אהרן וכו', און דערנאך ערשט שטייט ומקרבן

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ח א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 190 הודפס ע"י א

לתורה, וואס פון דעם זעט מען אז מען זאל ניט טענה'ן אז די ערשטע זאך דארף מען מאכן זיכער אז עס וועט אים ניט שאדן און ערשט דערנאך וועט ער טאן מיט זיי, זעט מען פון אס די משנה, אז די ערשטע זאך דארף מען טאן און מקרב זיין, און אויב מ'טוט אזוי העלפט דער אויבערשטער און עס שאדט ניט. וכמובן אזיך פון דעם וואס עס ווערט אפגע'פסק'נט אין תניא פרק לב, אז הן לא לא הפסיד שכר מצוות אהבת ריעים כו'.

דאס איז אויך פארבונדן מיט די סדרה וועלכע מ'גייט לייענען, וואס דארטן שטייט אז דורך ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה, איז צוגע-קומען אין די שלימות פון יעקב'ן, אז דארטן האט ער אויפגעשטעלט די י"ב שבטים, און עס האט זיך אויפגעטאן דער ויהי לי צאן וגו'.

אויך איז דעמאלט געווען וה' נצב עליו, מיט בײדע פירושים שבזה: א)אז וה' נצב עליו - על יעקב, ב) אז די שלימות פון ה', איז נצב עליו, ווענדט זיך אין יעקב'ן. הייסט דאס אז סיי די שלימות פון יעקב און סיי די שלימות פון למעלה כביכול, האט זיך אויפגעטאן בשעת יעקב איז געגאנגען קיין חרן.

אעפ"י אז חרן איז חרון אף של מקום בעולם וכו', און עס איז געווען א מקום וואו לבן איז געווען דער בעה"ב און ער האט געזאגט לא יעשה כן במקומינו גו', פונדעסטוועגן זעט מען אז דוקא אין חרן איז אים צוגעקומען אין זיין שלימות, ביז אז עס זיינען ארויסגעקומען פון אים ששים רבוא אידן, און ניט פריער ווען ער איז געווען בבהמ"ד של שם ועבר, ווייל כנ"ל די כוונה איז אז מ'זאל אויפטאן מיט וועלט.

פריער דארף טאקע זיין לימוד התורה אלס הכנה אויף ארויסצו-גיין דערנאך אין וועלט, מען דארף אבער וויסן אז דאס איז בלויז א הכנה, אבער עיקר ענינו איז דערנאך בשעת ער פועל'ט אין וועלט, וכנ"ל בענין רישא דעשו בעיטפא דיצחק.

און דערפאר איז ער געגאנגען בשליחותו של יצחק, ווייל כנ"ל איז דאס געווען עבודתו של יצחק - חפירת בארות.

בשעת מ'טוט אזוי, איז מען מובטח אז עס וועט זיין ווי עס איז געווען ביי יעקב'ן - מתוך הרחבה, מיט די ברכות פון ויתן לך האלקים מטל השמים וגו', וואס אעפ"י אז מ'טייטש דאס אויך אויף תורה - מקרא משנה וגמרא - איז אבער אין מקרא יוצא מידי פשוטו, אז עס וועט זיין הרחבה בגשמיות, און וויבאלד עס שטייען ביידע פירושים אין דעם זעלבן ווארט, איז מובן אז די זיינען פארבונדן. וזהו כל הענין וואס מען דארף אויפטאן - מחבר זיין רוחניות מיט גשמיות,

ביז אז עס וועט זיין ונברכו בך כל משפחות האדמה, און מ'איז מברר אלע ניצוצות, וואס דאס איז עבודתו של יעקב כנ"ל, און דאס איז אויך פארבונדן ספעציעל איצטער בעקבתא דמשיחא, שזהו ענינו דיעקב, יו"ד עקב (וואס דער יו"ד הו"ע השמן שעל האבן?).

זאל זיין מתוך הרחבה באופן של ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה ביז צו וכיעקב שקראו בית, דעם בית המקדש השלישי וואס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה, ביז אז קהל גדול ישובו הנה בביאת משיח צדקנו.

ב. מאמר כעין שיחה, ד"ה ויתן לך האלקים.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ח א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 191 הודפס ע"י א